10 און טאָג טעגלעך גערעדט אין דער שולע פון אַ געוויסן
טיראַנוס. דאָס דאָזיקע איז אָנגעגאַנגען צוויי יאָר
לאַנג, אַזוי, אַז אַלע איינוואוינער פון (קליין) אַזיען,
11 יידן און גריכן, האָבן געהערט דאָס וואָרט פון דעם
האַר. און ג־ט האָט געטון אויסערגעוויינלעכע וואונ־
12 דער דורך די הענט פון פּוילוסן; אַזוי, אַז מען פלעגט
אַוועקטראָגן פון זיין לייב טיכלעך, אָדער פאַרטיכער
צו די שלאָפע, און די חולאתן האָבן זיי פאַרלאָזט,
13 און די בּייזע גייסטער זענען אַרויס. און אייניקע פון
די יידישע וואַנדערער, בּעלי־שם, האָבן אונטער־
גענומען אָנצורופן דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע
אויף די, וואָס האָבן געהאַט בּייזע גייסטער, אַזוי
צו זאָגן: איך בּאַשווער אייך בּיי ישוען, וועמען
14 פּוילוס רופט אויס! און די, וואָס האָבן דאָס געטון
זענען געווען זיבן בּנים פון געוויסן סקעוואַ, אַ ייד,
15 איינער פון די גרויסע כהנים. און דער בּייזער
גייסט האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי: ישוען
קען איך, פּוילוסן קען איך אויך; ווער אָבער זענט
16 איר? און דער מענטש, אין וועמען עס איז געווען
דער בּייזער גייסט, האָט אויף זיי אַ שפּרונג געטון,
און איבּערגעוועלטיקט צוויי פון זיי, און זיי
(אַזוי) בּייגעקומען, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון יענעם
17 הויז נאַקעט און פאַרוואונדעט. און דאָס דאָזיקע
איז בּאַקאַנט געוואָרן צו אַלע יידן און גריכן, וועלכע
האָבן געוואוינט אין עפעזוס; און אַ מורא איז געפאַלן
אויף זיי אַלע, און דעם האַר ישועס נאָמען איז
18 דערהייכט געוואָרן. און אַ סך פון די, וואָס האָבן
געגלייבּט, זענען געקומען און זיך מתוודה געווען
און דערציילט פון זייערע (פריערדיקע) מעשים.
19 און אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט
כּישוף, האָבן צוזאַמענגעבּרענגט זייערע בּיכער,